# מיט א טיפערן בליק
# פרשת תולדות תשפ"ב
# אם כן למה זה אנכי?

בס"ד

א גוטן טייערע חבירים וידידים..!

אין אונזער פרשה לערנען מיר די לעבן און די השתלשלות פון יצחק אבינו, פארשידענע זאכן וואס האבן פאסירט צו אים און צו רבקה אמנו, וויאזוי זיי האבן מתפלל געווען פאר קינדער, געבוירן יעקב און עשו, און נאך פארשידענע קאפיטלעך אין זייער הייליג לעבן.

יעצט די ערשטע זאך וואס רופט אויס א שטיקל וואונדער, מיר ווייסן אז יעדער פון די אבות הקדושים האט געהאט א אייגענע מידה און דרך אין עבודת השי"ת, אברהם אבינו איז מידת החסד, יצחק איז מידת הגבורה, און אזוי ווייטער. אבער למעשה ווען מיר לערנען אדורך די פרשה באקומען מיר די הרגשה אז ס'הערשט א געוויסע פארהוילנקייט, א באהאלטנקייט וואס נעמט ארום יצחק אבינו, ווייל ביי אברהם אבינו איז די תורה הקדושה מאריך און דערציילט אונז באריכות איבער זיין מידת החסד, זיינע מעשים טובים, זיינע נסיונות וואס ער איז בייגעשטאנען, וויפיל מאל דער אייבישטער באוויזט זיך צו איהם, מיר זעען זיין געוואלדיגע אמונה אין השי"ת, זיין כח התפלה וואו ער איז מתפלל אויף סדום, און נאך אסאך זאכן. און די זעלבע ביי יעקב אבינו געפונען מיר אן אריכות, זיין חלום מיט'ן לייטער ווי מלאכים באגלייטן איהם, דער אייבישטער שטייט און היט איהם, און דערנאך זיין גאנצע לעבן אין די הויז פון לבן און ווי פון הימל העלפט מען אים און מ'היט אים אפ פון לבן'ס שלעכטס, דאס אויפשטעלן די י"ב שבטי קה, און נאך פארשידענע אנדערע מאורעות וואס האבן פאסירט צו יעקב. אבער דא ביי יצחק אבינו טרעפן מיר גאנץ ווייניג ארויסגעשריבן איבער די עבודה פון יצחק, איבער זיין מידה און זיין מהות, אויך שטייט נאר בקיצור ווי השי"ת האט זיך באוויזן צו איהם.

נאך מער פון דעם, אז מיר ווען זיך מתבונן זיין, ווי געשמועסט איז דאָך יצחק דער **מידת הגבורה**, שטארקייט, אבער פון אינדרויסן אז מ'כאפט א בליק קוקט עס נישט אויס אזוי, אדרבה, די אלע מעשיות וואס די תורה דערציילט אונז, אנגעהויבן ווי יצחק ווארט אויף קינדער, און דערנאך די צער העיבור פון רבקה און ווי זי וויינט למה זה אנכי, ער האט א זוהן ווי עשו הרשע וואס נאַרט אים אויס, די קוועלער וואס יצחק'ס קנעכט גראבן ווערן פארכאפט דורך די פלשתים, יצחק איז בלינד און ער קען נישט זעהן מיט די אויגן און איז איינגעשפארט אין שטוב, די ברכות וואס ער וויל געבן ווערן ארויסגעכאפט בגניבה דורך יעקב, און די קושיא פרעגט זיך ווי פון זיך אליינס, וואו זעהט מען דא בכלל א ענין פון גבורה? אויב עפעס קוקט עס דאָך אויס פונקט פארקערט לויט אונזער שכל.

און בכלל דארף מען פארשטיין פארוואס דערציילט אונז טאקע די תורה אז יצחק אבינו האט נישט געקענט זעהן, **וַתִּכְהֶיןָ עֵינָיו מֵרְאֹת**, מיר ווייסן אז יעדע ווארט אין די תורה הקדושה איז דאָך נצחיות, וואס פאר א לימוד לדורות קענען מיר אפלערנען פון דעם. וואס ווי פארשטייט זיך האבן מיר נישט קיין שום השגה אין די אלע טיפע ענינים פון אונזערע הייליגע אבות הקדושים, און אלעס וואס מיר שמועסן איז נאר מיטן ציל צו קענען בעזר ה' זוכה זיין ארויסצונעמען די ריכטיגע חיזוק און הדרכה און מוסר השכל וואס מיר קענען לערנען פון די פרשה.

נאר איידער מיר גייען צו צו אונזער נושא איז כדאי צו דערמאנען א שטיקל מילתא דבדיחותא, אַן אלטע אידישע ווערטל. אמאל איז א איד געפארן האנדלען אין די ווייטע שטעט, ער איז געפארן צום מארק אין לייפציג און דאנציג דארט וואו מ'האט געקענט קויפן און פארקויפן פארשידענע סארטן סחורה. יעצט, אויב האט ער געמאכט געלט און שיין פארדינט דארט, שטערט אים נישט אהיימצוקומען מיט א הונקעדיגן פערדל און א אלטע וואָגן, ווייל ווען מען אינטערסירט דען וויאזוי ס'זעהט אויס פון אינדרויסן, דער עיקר איז ער איז רייך, ער האט שיין פארדינט, און ס'אינטערסירט אים בכלל נישט וואס אנדערע וועלן טראכטן פון אים, אדרבה, זאלן זיי מיינען אז ער האט נישט קיין געלט. אויב אבער האט ער נישט פארדינט קיין געלט, און דאס מזל האט נישט געשיינט, האט ער זיך געדינגען א שיינעם וואגן איינגעשפאנט צו עטליכע שטארקע און גרויסע פערד, און ער האט געמאכט זיכער אהיימצוקומען בקול רעש גדול און אויסשטעכן יעדעמ'ס אויגן, ווייל אז ס'גייט נישט גוט פאר מיר, זאל כאטש יענעם אויך ווי טוהן, זאל ער פלאצן און מיך מקנא זיין טראכטנדיג אז איך בין רייך...

און אויב מיינט מען אז ס'איז עפעס אַן אלטמאדישע משל וואס איז געבליבן שטעקן ערגעץ דארט אין לייפציג פאר הונדערט פופציג יאר צוריק, איז די ביטערע תשובה אויף דעם אז ניין, ס'איז גארנישט קיין אלטע מעשה, ס'איז ליידער מעשים בכל יום וואס מיר לעבן אין דעם זעלבן 'באָבל' ווי מ'רופט עס ביי אונז, א וועלט פון פאלשקייט און זיך אהערשטעלן פאר יענעם, זאל יענער מיינען, זאל יענער טראכטן, הלוואי זאל ער מיך מקנא זיין און טראכטן אז ס'גייט מיר גוט.

כדי עס קלארער ארויסצוברענגן, הערט א מעשה וואס עס האט לעצטענס דערציילט א ידיד, א איד וואס איז עוסק און מדריך זיין חתנים און טוט אסאך אין די נושא פון ארויסהעלפן אין שלום בית וכדומה. דערציילט ער אזוי: ס'איז דא א יונגערמאן, לאמיר אים רופן ראובן, ראובן מוטשעט זיך ליידער היבש שטארק מיט זיין שלום בית, עס איז נישטא קיין פארשטענדעניש צווישן אים און זיין ווייב, די מצב איז זייער אנגעשטרענגט, און עס האט זיך געפאדערט איבערמידליכע כוחות זיי צו האלטן צוזאמען. ביי איינע פון די געלעגנהייטן האט דער מדריך געפרואווט צו שתד'לען ביי זיי אז זיי זאלן ארויסגיין אינאיינעם שפאצירן און זיך אויסלופטערן אין א שיינע פלאץ, אפשר דאָך קען מען נאך ראטעווען די זאך, אפשר קען איינער אנהייבן צו דערהערן און פארשטיין דעם אנדערן... הכלל, ער האט אראנזשירט אזא ספעציעלע שפאציר צווישן מאן און ווייב, וואס האט זיך גראדע נישט געענדיגט מיט צופיל סוקסעס, ראובן האט זיך דערנאך

אפגערעדט פאר אים אז ס'האט נישט געקלאפט און ס'איז נישט געווען קיין איינגענעמע אטמאספערע צווישן אים און זיין ווייב.

ס'גייט נישט אריבער קיין סאך צייט, און דער מדריך כאפט א שמועס מיט א צווייטע יונגערמאן, שמעון, וואס האט נישט לאנג צוריק חתונה געהאט, שמעון איז בדרך כלל פרייליך און צופרידן, ער האט ב"ה גוט חתונה געהאט, ער איז א גוטע מאַן, און ער האט א פיינע אשת חיל, זיי פארשטייען זיך און לעבן צוזאמען וואויל און איינגענעם. אבער דאסמאל איז שמעון עפעס אנגעקומען מיט אַן אראפגעלאזטע נאָז, מ'האט געקענט זעהן אז זיין געמיט איז אביסל 'פארוואלקנט' און עפעס שטערט אים. זיין געטרייער מדריך הייבט אים אָן אויסצופרעגן אויב אלעס איז אין ארדענונג, אויב עפעס באדערט איהם, וואס איז די מצב אין שטוב וכו' וכו' אבער שמעון האט נישט אויף וואס זיך אפצורעדן, אלעס קלאפט א מחיה ב"ה, ס'איז שלום ושלוה אין שטוב. און אזוי רעדט מען און מען רעדט, ביז ענדליך האט זיך שמעון אויפגעמאכט און ס'כאפט זיך ארויס פון אים, אז אמת טאקע ער איז צופרידן און אלעס איז פיין און וואויל, אבער ער פילט אז ס'פעלט אים עפעס, **"הלוואי ווען ער וואלט געקענט זיין אזויווי ראובן וואס גייט ארויס צו ספעציעלע פלעצער שפאצירן מיט זיין ווייב, זיי גייען זיך אויסלופטערן, זיי פארברענגען, זיי האבן עפעס א חיות וואס ביי מיר אין שטוב איז נישט דא..."** דער מדריך האט געמיינט אז ער פאלט אראפ פון בענקל... פונקט ווי ראובן וויל ער זיין?! איך ווייס דאָך יא דעם אמת וואס טוט זיך אפ ביי ראובן אינדערהיים, ווי אלעס הענגט אויף א האָר וואס האלט זיך שוין ביים איבערייסן, און די שפאציר פון וואס שמעון רעדט איז געווען נישט מער ווי איינס פון די פילע השתדלות און אופנים מיט וואס מ'פראבירט אים צו ראטעווען. הכלל, ער שמועסט ווייטער מיט שמעון, און ס'שטעלט זיך ארויס אז ראובן איז געקומען אין בית המדרש און אראפגעלייגט א בילד פאר שמעון אין די אויערן ווי גוט און זיס זיין לעבן איז, און אז ער איז אפילו ארויסגעגאנגען נעכטן מיט זיין ווייב צו יענע און יענע פלאץ, און דער שמעון האט עס אפגעקויפט מיט א תמימות און ער האלט נישט אויס פון קנאה אז יענער גייט ארויס און פארברענגט געשמאק, הלוואי ווען זיין שלום בית וואלט געווען די זעלבע, הלוואי ווען ער מיט זיין ווייב קענען אזוי גוט פארברענגען און הנאה האבן צוזאמען אזויווי יענעם.

"איך האב זיך נישט געקענט איינהאלטן" דערציילט דער מדריך, און איך האב פאַרגעהאלטן ראובן שפעטער, כ'האב אים איידעלעהייט מעורר געווען אז ס'איז נישט ריכטיג וואס ער טוט, דו ווייסט דאָך גאנץ גוט אז דו וואלסט געקענט נוצן זכותים אין די יעצטיגע תקופה אז השי"ת זאל דיך העלפן און אויפרעכטן, גייסטו און דו טוסט דאס צו אנדערע? דו זוכסט סתם אויסצושטעכן אנדערע מענטשנ'ס אויגן און זיך אהערשטעלן כאילו ביי דיר קלאפט אלעס א מחיה, און זיי זאלן פלאצן פאר קנאה, ווען דו ווייסט גאנץ גוט אז ס'הייבט זיך נישט אָן און ס'לאזט זיך נישט אויס. איר ווייסט וואס דער יונגערמאן האט מיר געענטפערט אָן קיין בושה?, ער זאגט מיר, **"איך האב גארנישט אין מיין לעבן, גארנישט גייט מיר גוט, זייער גוט, זאל יענער באטשיג מיינען און מיך מקנא זיין!".**

פארוואס דערציילן מיר דאס, ווייל ליידער דאס איז א ריזיגע חלק פון אונזער טאג טעגליכע לעבן, מיר לעבן היינט אין א וועלט פון 'פרעזענטאציע' וואו יעדער זוכט נאר וויאזוי מ'קען זיך פרעזענטירן פאר די וועלט שענער, בעסער, און שטערקער, נישט קיין חילוק אויב מ'רעדט אין רוחניות אדער אין גשמיות, אין ביזנעס אדער אינדערהיים, אלעס איז געווארן א גרויסע באלאן פון שטארק, מעכטיג, גרויס, זאכן וואס האבן נישט קיין שייכות מיט די מציאות און זענען בכלל נישט אמת, ווייזט מען אבער כאילו ס'איז יא, כאילו ס'איז עפעס פארהאן. וויפיל כוחות לייגט מען אריין וועלכע בילדער צו ווייזן און צו שיקן און ארויסשטעלן, יעדער זאך ווערט אדווערטייזט און פרעזענטירט אזוי אז מענטשן זאלן מיינען, עס זאל זיך זיי דאַכטן אז...

אביסל אמת'דיגקייט, נאטורליכקייט, פשוט'ע זאכן, דאס פעלט אונז צומאל זייער שטארק, און דערפאר טאקע שעצן מיר נישט קיין קליינע גוטע זאכן, קלייניגקייטן האבן פארלוירן זייערע ווערד ביי אסאך פון אונז, וויבאלד אין אונזערע אויגן דארף אלעס זיין גרויס און מעכטיג, מיר זענען שוין אזוי פארבלענדעט מיט די אלע דמיונות און חזינות וואס די וועלט שטעלט ארויס, אז קיינעם פאלט שוין נישט ביי צו שענקן א בליק אין די ריכטונג פון קליינע גוטע זאכן, קליינע גוטע מאמענטן וואס מאכט זיך אין אונזער חיי היום יום, ווי למשל ווען מ'זיצט אין שטוב ביי א באשיידענע וואכנדיגע פרישטאג און מ'פארברענגט מיט א נעימות, ווען מ'איז געווען פאר אפאר מינוט א קליינע מעביר על מידותיו און מוותר געווען פאר א צווייטן, ווען מ'האט זיך אפגעגעבן מיט א קינד אין שטוב וואס האט געדארפט הילף, און נאך טויזנטע דוגמאות ווען א מענטש טוט וואס איז ריכטיג און שיין, אבער עס האט נישט קיין חשיבות, ווייל דאס איז נישט 'גאַנגבארע אייטעם' וואס מ'שטעלט ארויס, נישט מיט דעם מעסט מען הצלחה און חשיבות אין אונזער וועלט.

ולא זו בלבד, נאר לאמיר טראכטן א טראפ טיפער, ווער איז יא א העלד אין אונזערע אויגן?, פלוני וואס איז רייך געווארן איבערנאכט, אדער דער וואס האט באוויזן צו בויען א ביזנעס און האט אונטער זיך צענדליגע ארבייטער, אדער דער דריטער וואס האט די שענסטע הויז און די טייערסטע זאכן, ווייל די אלע האבן באוויזן 'גרויסע' און 'מעכטיגע' זאכן, זיי האבן דערגרייכט דעם שפיץ לייטער פון סוקסעס. אבער א קליינע מענטש וואס ארבעט אויף זיינע מידות און מעשים, א איד וואס פראבירט יעדן טאג צו ווערן אביסל בעסער ווי נעכטן און זיך פאָראויס רוקן א קליינע משהו, א קינד וואס מוטשעט זיך מיט הבנה אדער התנהגות אבער מיט אייזערנע כוחות מאכט ער קליינטשיגע טריט און פאָרשריט, נע, דאס הייסט דאָך נישט קיין סוקסעס, ס'איז גאנץ א פיינע זאך און ס'איז זיכער א דבר טוב אז א מענטש ארבעט אויף זיך, אדער לייגט אריין כוחות אין זיך און אין זיין שטוב, אבער א העלד? ער איז גאר ווייט פון זיין א העלד, ווייל א העלד אין אונזער ווערטער-בוך מיינט גאנץ עפעס אנדערש...

ווען למעשה איז דאָך די פשוט'ע אמת פונקט פארקערט!!! די אלע גרויסע און געלונגענע מענטשן האבן כמעט גארנישט געטוהן דערצו, די הצלחה און רייכקייט און גרויסקייט איז על פי רוב אנגעקומען צו זיי דורך מער מזל ווי שכל, דער אייבישטער האט געגעבן סייעתא דשמיא און ס'איז געלונגען.

דאגעגן דער וואס ארבעט אויף זיך, ער פלאגט זיך, ער לייגט אריין יגיעה יעדע וואך, יעדן טאג, יעדע שעה, ער באווייזט צו זיין ערליך און וואויל, ער באווייזט צו זיין א גוטע מאן אדער ווייב, א געטרייע טאטע אדער מאמע, די זענען דאָך די אמת'ע העלדן וואס מ'רעדט נישט פון זיי אין די צייטונגען, מ'זעהט נישט קיין פלאקאטן פון זייערע ריזיגע פראיעקטן, ווייל ס'איז נישטא קיין גרויסע בנינים פון ציגל און שטיינער, אבער ס'איז יא דא אייזערנע ווענט פון גבורה, יגיעה, מיה און פלאָג, און ענדלאזע כוחות הנפש.

טייערע ברידער און שוועסטער, די תורה הקדושה לערנט אונז אין אונזער פרשה וואס איז די ריכטיגע טייטשט פון גבורה! ווי מיר האבן געפרעגט אז לכאורה זעהט מען נישט אין די פסוקים אז ס'שטייט 'גרויסע זאכן' ביי יצחק אבינו, און זיכער נישט קיין ענינים פון גבורה. דער תירוץ אויף דעם איז, ווייל דערמיט גייט אונז די תורה געבן א לימוד לדורות וואס איז טייטשט גבורה, און ווי שוין געשמועסט עטליכע מאל, די תורה הקדושה מעסט און שאצט זאכן גאנץ אנדערש ווי מיר זענען געוואוינט צו טראכטן. נישט וואס מיר מיינען איז 'שטארק' איז טאקע שטארק, און נישט דאס וואס מיר מיינען איז גרויס און חשוב איז באמת אזוי.

און אז מיר טוהן אָן די תורה'דיגע ברילן צו זעהן וואס פאסירט אין יצחק אבינו'ס שטוב, געפונען מיר דארט אזויפיל שוועריגקייטן און נסיונות וואס מאכט זיך כסדר אין יעדע אידישע שטוב. אונזער הייליגע טאטע יצחק און די מאמע רבקה לערנען אונז דעם וועג וויאזוי מ'באווייזט די אמת'דיגע גבורה דורך זיך האלטן שטארק און פעסט און וויסן וואס צו טוהן אינעם טאג טעגליכן לעבן אָן ווערן פארלוירן אדער דערטראנקן אונטער דעם שווערן יאך, ווייל דאס איז מידת הגבורה! נישט קיין זאכן וואס יעדער ווייסט און זעהט, נישט קיין גראנדיעזע אויפטיאונגען, נאר טאג טעגליכע גבורה אין שטוב, אין די גאס, אין בית המדרש, און סיי וואו. ווי מיר געפונען טאקע אין חז"ל אז 'גשם' רעגן ווערט אנגערופן גבורה, ווי די משנה זאגט אין אנהייב מסכת תענית "מֵאֵימָתַי מַזְכִּירִין **גְּבוּרוֹת גְּשָׁמִים**", (און דערפאר זאגן מיר טאקע מַשִּׁיב הָרוּחַ וּמוֹרִיד הַגֶּשֶׁם ביי די ברכה פון 'אתה גבור') דאס קומט מרמז זיין אז ריכטיגע גבורה איז ווי טראפענס רעגן, קליינע כסדר'דיגע טראפנס וואס קומען צו גיין אָן אויפהער, טראפ נאך טראפ, דאס איז די ריכטיגע גבורה.

מיר הייבן טאקע אָן מיט דעם אז יצחק און רבקה זענען נישט זוכה צו קיין קינדער, דאס לעבן גייט זיי שווער, אבער זיי שטארקן זיך און שטעלן זיך דאווענען און בעטן פון הקב"ה, **וַיֶּעְתַּר יִצְחָק לַה' לְנֹכַח אִשְׁתּוֹ כִּי עֲקָרָה הִוא**, און נישט סתם געדאווענט, נאר ווי רש"י ברענגט "הרבה והפציר בתפלה" ער האט פאַרמערט און איינגעריסן מיט זיינע תפלות, יצחק און רבקה שטייען און בעטן, "זה עומד בזוית זו ומתפלל, וזו עומדת בזוית זו ומתפללת", יעדע פון זיי שטייט אין אנדערע ווינקל און בעט, אט דאס איז גבורה, צו שטיין און נישט אויפגעבן בשעת מ'זעהט נישט קיין ישועה פאר די אויגן, עס זעהט אויס ווי א 'זוית' וואס איז אינגאנצן פארקנאַקט און פארשפאַרט פון אלע זייטן, ס'זעהט אויס ווי ס'קען נישט גיין ווייטער, אבער מען ווייסט וואס מ'האט צו טוהן אז מ'דארף מתפלל זיין און ווענדן די אויגן צום בורא עולם וואס קענען אייביג העלפן.

דערנאך, ענדליך ווען מ'האט שוין זוכה געווען צו די ישועה, אבער רבקה מאכט-מיט צער, **"וַתֹּאמֶר אִם כֵּן לָמָּה זֶּה אָנֹכִי"**, די תורה הקדושה גיבט אונז דא א מתנה מיט די ווערטער, יא, מ'קען אמאל שפירן אין א מצב פון "למה זה אנכי?" פארוואס האב איך דאס געוואלט, פארוואס האב איך דאס געבעטן, אונזער הייליגע מאמע רבקה קרעכצט פון טיפן הארץ, און די צער איז גרויס, אבער זי גיבט נישט אויף, למה זה אנכי מיינט נאכנישט אז מ'דארף זיך איינשפאַרן און זיך פארמאכן פון גרויס צער און ווייטאג, אדרבה, וַתֵּלֶךְ לִדְרֹשׁ אֶת ה', זי גייט פרעגן פון די גדולי הדור אין בית המדרש וואס מען טוט אין אזא פאל. וויפיל גבורת הנפש ליגט אין אט דעם שריט! זייער אסאך מאל ווען מיר האבן א אומבאקוועמליכקייט אדער א שוועריגקייט אין שטוב, קען מען זיך נישט ברענגן צו גיין פרעגן, מ'קען נישט פועל'ן ביי זיך דאס קלאר צו מאכן. **ס'איז דא א פראבלעם? דארף מען דאס אויסשמועסן! אמאל דארף מען זיך צוניפרעדן מאן און ווייב צווישן זיך** (אין די ספרים שטייט פארוואס דא איז רבקה נישט געגאנגען צו יצחק פרעגן, א זאך וואס איז א באזונדערע שמועס פאר זיך) **און אמאל גיין פרעגן א דעת תורה און א ערליכע איד וואס מ'האט צו טוהן, אבער אנשטאט דעם איז דאָך אסאך גרינגער צו אנטלויפן פונעם פראבלעם, און צו אנטלויפן אפילו פון זיך אליין.** מ'הייבט אָן צו מאכן אלע סארטן פשעטלעך און תירוצים פארוואס מ'דארף נישט פרעגן, פארוואס מ'ווייסט שוין אליינס די תשובה, און אפשר האב איך בכלל נישט קיין שאלה, ווייל ס'איז אלעס גרינגער ווי דארפן אנערקענען אין וואס מ'דארף באמת טוהן אין אזא פאל. אבער א אמת'ע גיבור ווייסט וואס ער האט צו טוען, וַתֵּלֶךְ לִדְרֹשׁ אֶת ה', מ'גייט פרעגן און מ'איז מקבל צו טוהן וואס די גרעסערע און קלוגערע פון אונז הייסן טוען.

דערנאך קומט א גאנצע פרשה פון עשו מיט יעקב, וואס ווי דערמאנט האבן מיר נישט קיין השגה וואס האט זיך דארט באמת אפגעטוהן, ס'ליגט אין דעם אסאך העכערע זאכן, אבער אין די פשטות הפסוקים געפונען מיר וַיֶּאֱהַב יִצְחָק אֶת עֵשָׂו... וְרִבְקָה אֹהֶבֶת אֶת יַעֲקֹב, יצחק האט זיך זיין עבודה פון מקרב זיין עשו, און רבקה גיבט זיך אפ מיט יעקב. אין **ספרים הקדושים** שטייט אז דאס איז געווען גאר א גרויסע און הייליגע עבודה אין וועלכע סיי יצחק און סיי רבקה האבן אריינגעלייגט כוחות פאר די קומענדיגע דורות. רבקה האט ספעציעל געשיקט יעקב נעמען די ברכות פון יצחק בשעת ער איז אנגעטהון אין די בגדים פון עשו, ווייל זי האט געוואלט מיט דעם טוהן א טובה פאר כלל ישראל, אז אפילו ווען אידן וועלן זיין אין גלות, זיי וועלן ח"ו זיין אין א שוואכע מצב אין רוחניות און וועלן זיין דומה צו עשו ח"ו, דאָך זאלן זיי האבן די ריכטיגע כֵּלִים מקבל צו זיין די ברכות אזויווי זייער טאטע יעקב האט באקומען די ברכות זייענדיג איינגעוויקלט אין די קליידער פון עשו הרשע. נאך מער זאגט **הרה"ק רבי מרדכי יוסף פון איזביצא זי"ע**, אז מיט יעדע בליק וואס יצחק האט געשאנקן פאר עשו הרשע, מיט יעדע ביסל ליבשאפט און קירוב האט ער גורם געווען דערמיט אז ס'זאלן שפעטער ארויסקומען די הייליגע נשמות פון גֵרים וואס זענען געווען אייניקלעך פון עשו הרשע (ווי מיר געפונען עובדיה הנביא, רבי מאיר, רבי עקיבא, שמעיה ואבטליון זענען אלע געווען אייניקלעך פון עשו הרשע) און דאס האט יצחק אבינו שוין גע'פּוֹעל'ט דעמאלטס מיט זיין ליבשאפט צו עשו. איז ווי פארשטייט זיך מיר קענען דאס נישט משיג זיין מיט אונזער

שכל, אבער דאס לערנט אונז ווידער וויאזוי יצחק און רבקה האבן ביידע גענומען זייערע תפקידים אין שטוב, מקרב צו זיין און ליב צו האבן דעם קינד וואס זיי האלטן אז ער דארף זייער כוח און זייער הילף. און וואס דאס זאגט אונז איינמאל און נאכאמאל אז די ריכטיגע גבורה דארף מען האבן אין שטוב, די גבורה איז צו זעהן וואס קען איך טוהן פאר מיינע קינדער, מיט וואס קען איך זיי העלפן, צו וועלכע קינד פארשטיי איך בעסער און איך קען צוגעבן מיר פערזענליכע הילף און תועלת פארן קינד, אנטלויף נישט און זוך נישט קיין גרעסערע מצוות, פארשטיי דיין תפקיד און דיין פליכט און טוה עס מיט ליבשאפט, נישט קיין חילוק אויב ס'איז גרינג אדער שווער, און אפילו ווען זאכן זעען נישט אויס אזוי גלאטיג, די מידת הגבורה ווערט נישט צובראכן דערפון און גיבט נישט אויף, נאר טוט דאס ריכטיגע, און דער אייבישטער וועט שוין נאכדעם מסבב זיין און צופירן וואס עס דארף געשען אינעם צוקונפט.

דערנאך ביי די פרשה פון בְּאֵרוֹת, די קנעכט פון יצחק אבינו גראבן פארשידענע קוועלער, וואס באמת האבן די בארות שוין באלאנגט פאר אברהם אבינו, ווייל זיינע קנעכט האבן עס געהאט געגראבן נאר די פלשתים האבן עס פארשטאפט, און יצחק קומט יעצט אויפגראבן דאס וואס איז באמת זיינס און ס'קומט זיך אים הונדערט פראצענט, נאר די פלשתים קומען ווידער צו גיין און זיי קריגן זיך מיט יצחק איבער די קוועלער. וויפיל גבורה נעמט עס צו קענען פארמאכן דאס מויל און גיין ווייטער! וויפיל עכטע שטארקייט דארף מען האבן צו קענען אוועקשפאצירן פון דארט אָן צו ווערן אריינגעשלעפט אין א פייערדיגע מלחמה. יא, א מענטש מיט פאלשע גבורה וואלט זיך טאקע גענומען פירן העפטיגע נארישע מערכות און ס'וואלט זיך פארצויגן אויף צענדליגע יארן און קיינער וואלט נישט פארדינט אדער פארמאגט, מען וואלט זיך געקריגט ווער איז שטערקער, ווער איז דער בעל הבית און בעיקר ווער איז דער געווינער, מי בראש. יצחק אבינו דער עמוד פון גבורה לערנט אונז אויס אז אין אזא פאל לויפט מען אוועק, מען שטעלט זיך נישט אפ דא קריגן, נאר מען גייט ווייטער און מ'נעמט זיך גראבן פון פריש, זיי נישט פארנומען מיט שרייען און וויינען און אויך נישט מיט'ן צוריק קוקן מיט פארוויטאגטע אויגן, נאר רוק זיך פאראויס מיט שטארקייט. און צום סוף וואס געשעט, יצחק האט געגראבן א ריינע ערליכע קוואל, קיינער קומט זיך שוין נישט קריגן, און אבימלך דער קעניג פון פלשתים אליינס קומט צו יצחק אז ער וויל מיט אים מאכן א בונד פון פריינטשאפט, ער וויל ווערן גוט מיט אים און זיין געטריי צו אים...

אין **ספרים הקדושים** שטייט אז די גאנצע ענין פון גראבן די בארות לערנט אונז א מוסר השכל, ווייל אין די וועלט איז דא אסאך וואסער, ס'דא רעגן וואסער וואס קומט פון הימל, וואסער אין די ימים און טייכן, אלעס איז אפן און קלאר. אבער נאכדעם איז דא קוואל וואסער, מים חיים, וואס ליגט טיף אונטער די ערד, מ'דארף אסאך גראבן און הארעווען, אבער צום סוף, ווען מ'באזייטיגט אלע שטיינדלעך און שטרויכלונגען, שטעלט זיך ארויס די ערליכע בילד פון ריינע לויטערע וואסער, די בעסטע וואסער וואס איז נאר דא. ווייל דאס איז די עבודה פון יצחק, די גבורה פון ארבעטן, ער שטייט און גראבט, ער באזייטיגט שטיינדל נאך שטיינדל, שוועריגקייט נאך שוועריגקייט און צום סוף דערגרייכט ער זיין ציל. **זיין גבורה באשטייט נישט פון בויען גרויסע בנינים וואס דערגרייכן ביז'ן הימל, און ס'באשטייט נישט פון כבוד און גדולה, עס באשטייט פון שווער ארבעטן און הארעווען אין די טאג טעגליכע שוועריגקייטן ביז מ'קומט אָן צו די גוטע חלק, ביז מ'איז מצליח אדורכצוברעכן וואס מען דארף.**

היוצא לנו, אז מיר לערנען אפ ריכטיג די געוואלדיגע גבורה וואס יצחק אבינו לערנט אונז, ווערן מיר געוואר די עבודה וואס ליגט אויף אונז, אויף יעדע אידישע טאטע און מאמע אין יעדע אידישע שטוב, מיר זענען די 'גיבורים' און מיר קענען דורך אונזער כסדר'דיגע טראפנס פון וואסער און חיזוק, דורך אונזער כסדר גראבן און ארבעטן, אהערשטעלן די גרעסטע גבורות וואס איז נאר דא, די אמת'דיגע יסודות וואס ווערן נישט געמאסטן לויט זייער חיצוניות'דיגע הייעך און וואָג, נאר מיט זייע טיפקייט און שטארקייט און זייער נצחיות אין עולם הזה און עולם הבא. און ווי צדיקים האבן געטייטשט דעם פסוק וואס אבימלך האט געזאגט פאר יצחק "**רָאוֹ רָאִינוּ כִּי הָיָה ה' עִמָּךְ**" מיר האבן געזען ווי השי"ת איז מיט דיר, לכאורה וואס באדייט די דאפלטע לשון פון 'רָאוֹ רָאִינוּ', נאר ווייל די גבורה פון יצחק זעהט מען נישט גלייך מיט די פליישיגע אויגן, ס'דארף זיין רָאוֹ רָאִינוּ, מ'דארף קוקן צוויי מאל איידער מ'באמערקט עס און מ'אנערקענט עס באמת.

דאס קען אויך זיין דער ענין וואס די תורה הק' איז מרמז מיט'ן דערציילן **וַיְהִי כִּי זָקֵן יִצְחָק וַתִּכְהֶיןָ עֵינָיו מֵרְאֹת**, יצחק'ס אויגן זענען ל"ע פארטונקלט און ער קען נישט זעהן, דאס גייט ארויף אויף די אלע טעגליכע מצבים ווען א מענטש ווערט צומישט, פארלוירן, ס'איז פארנעפלט און ער ווייסט נישט וואס צו טוען, ער זעהט נישט קיין קלארקייט און לעכטיגקייט, ער פילט א געשריי פון "למה זה אנכי", טאקע דעמאלטס קומט אריין מידת הגבורה! ווער עס שטארקט זיך דעמאלטס און גארטלט זיך אָן מיט גבורה צו טוהן וואס איז ריכטיג און נישט אנטלויפן פון די מציאות, ווער ס'ווייסט צו גיין פרעגן דעת תורה, זיך צו גיין אויסקלארן און פרואוון צו טרעפן דעם ריכטיגן וועג, דער האט אין זיך די ריכטיגע גבורה. יא, קיינער וועט עס אפשר נישט וויסן און מחשיב זיין, ס'וועט נישט זיין באשריבן אין די צייטונגען מיט גרויסע אותיות, אבער דער איז דער אמת'ער גיבור וואס נוצט כוחות און לייגט אריין ארבעט, און אט דאס איז וואס די תורה באטראכט אלס מידת הגבורה, א תוכנ'דיגע גבורה וואס קומט מצד דעם מענטש און זיין הארעוואניע. און ווי געשמועסט אז ווען מיר גראבן שטיינדל ביי שטיינדל מיט שטארקייט זענען מיר זוכה אנצוקומען צום קוואל, צומאל נעמט עס אויסטערלישע מסירת נפש און גבורות אבער בעזרת ה' קומט מען אָן צום קוואל און די פרישע לויטערע מים חיים, די ברכות און השפעות פאנגן אָן ארויסגיסן.

## א לעכטיגע שבת קודש!

זיך איינצושרייבן צו באקומען די "מיט א טיפערן בליק"
דורך אי-מעיל בעז"ה tiferenblik@gmail.com